STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01814

# BRENENDIK SHTETL

Menke Katz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## מעינקע קאַץ

# ברענענדיק שטעטל

פאַרלאַג „סיגנאַל" באַם פּראָלעטפּען

ניו־יאָרק, 1938.

Copyright by
MENKE KATZ
64 Jefferson St., Passaic, N. J.
1 9 3 8

**פון דעם זעלביקן מעכאַבער:**

דריי שוועסטער — 1932;

דער מענטש אין טאָגן — 1935;

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON Press, 19 W. 21 St., New York City

# בוך I

# יעיסקע

— אינעווייניקער (צער) מײַנע —

מיט פֿרײַנטשאַפֿט און מיט ליבשאַפֿט.

— מאַנדע קײַט —

ניו־יאָרק, דעם [illegible] דעצעמבער 1940

## ב ר ע נ ע נ ד י ק ש ט ע ט ל

אין מיכאַלישעק קראַמפּט די שטילקייט.
די שטיבער טוליען זיך אין געפּאַרן.
דאָס שטעטל,
זעטיקט זיך מיט רו ווי מיט אַ לעצטן מאָלצייט —
די רו מיט אָנקום פון געוויטערס שרייט.

די נאַכט ליגט אין שטיקער פון גרילן צעזעגט.
אָף בוידעמער באַהאַלטן זיך בסולעס,
שאַרן דעם שפּינוועב מיט צעשראָקענע טריט.
אַרום —
די ווילִיע מיט שפּרודלדיקן וואַסער,
שיילט די קאָרע פון פריש־געהאַקטע ביימער.

דער פּאַראָם שטייט געבונדן, פון דעם וועכטער פּאַרלאָזן.
באַם אומרואיקן כצאָס — הערן אידן:
אָפן נאָענטן בייסוילעם,
זאָגט דער ווינט קאַדיש דורך די גראָזן.

## י ע י ס ק ע

דאָס כאַזער־געסל מיט אָנהויב פרילינג האָט אויפגעהעלט
און ס׳האָבן צוויגן זיך צעבלויט מיט בלימעלעך מאַי.
מיכאַלישעק האָט דעם אָטעם אָפגעשטעלט
און האָרכט —
פון פאַרדעכטיקע ווינטעלעך אַ שושקעריי ;
מ׳גייט ! מ׳קומט ! ווער ? וואו ?
דער דייטש האַ ? דער דייטש וואָס ?
ש־ש־ש
שאַ—אַ, שאַ !

אין שטערנדיקער איינזאַמקייט ליכטן די שיימעס אין קלויז.
די ראַבע קאַץ, ווי שטענדיק, דרעמלט אַפן פאַרקן —
פלוצלונג זי דערוואַכט,
גרייט מיט נעגל זיך וואַרפן אַפן טויט.

פון ערגעץ אַ רייטער,
טראָגט דורך דעם פאַכאַד זיך פאַרביי ;
איין האַנט קירעוועט דעם פלינקן פערד,
די צווייטע — געלאַדענעם בליי.

וואָך ביז אויפרייס גאַנוועט זיך דער רייטער,
אַף זיין געהאָרכזאַם פערד געבויגן ;
ער איז אינגאַנצן — אויג, ער איז אינגאַנצן — אויער.

## ב ר ע נ ע נ ד י ק  ש ט ע ט ל

ס׳האָט די צייט
דאָס שטעטל צום אומקום פאַראורטיילט.
אַ מעסלעס פייער האָט דוירעס שלאָף פאַרצוקט.
דער קראַנץ מיט שטיבעלעך — אין שפענער איז צעפאַלן.
אין קלויסטער האָט יעזוס אַ געקרייצטער געברענט.
קעגן סרייפעס געשיינט האָבן פאַרבראָכענע הענט:
— ראַטויטע ראַ—טוי—טע!
אונדזער גאָט אין קלויסטער פאַרגעסן.
געהירזשעט האָבן פערד אין פלאַקערדיקע שטאַלן.
אין אַש פון סייפערטוירעס,
איז יעהאַוועוע — אַ דהאָלאָוועשקע געזעסן.

### י ע י ס ק ע

קאַנאָנען האָבן דעם פּאַרטאָג אַרויסגעשאָסן,
קייקלען זיך בערג — צו טאָלן.
אַף דער ערד — פּאַרוואַלגערטע דעכער ווייזן;
דאָ איז אַ געסל געווען אַמאָל.

און ס׳ווייזן בלאָטעס מיט בלוט באַגאָסן —
ס׳זיינען מענטשן אַמאָל געווען.
סאַזשעדיקע שטיקער שויבן דערמאָנען,
מ׳האָט די זון דורך זיי געזען.

אין נאָרעס פון „זאַזבאָרטשער וואַלד״,
באַהאַלטן זיך קינדער און מאַמעס און שטערן.
דער טויט פּאַשעט פּעטע וועלף
און וואָלט ווער שרייען צו דער וויסט גוואַלד,
וואָלט ער פון וועלף געהאָלפן ווערן.

נאָר ערגעץ איז אַ שטיבל, ווי אַ בייזוואונדער געבליבן
און ס׳טרוימט דאָרט דווערקע אין עלציקס שויס;
העכער פון האַרמאַטן, הערן זיי דעם שטילסטן געמורמל;
— הייליק בלייבט די שוואוע,
מיר וועלן ביזן טויט זיך ליבן.

## ב ר ע נ ע נ ד י ק  ש ט ע ט ל

באַם שויץ פון נאַענטן האַרמאַטן־ברום,
גייט כאַסקע אַ־ערן־וועלוולס צו קינד;
ס'זיינען די שטיבער פון דאַנען ווי אַנטלאָפן
און געלאָזן איר מיט אַזויפיל אומקום —
מיט די רייכעס פון האַרוגים וואָס עס זייט דער ווינט.
— — — — — — — — —

ש—ט—י—ל.
צי זאָל זי אַף טאָג נאָך האָפן?
די נאַכט איז אייביק
און די וועלט ווי ס'וואָלט ווער צוגענומען.
זי בייסט אין אייגן לייב די קוילעס איין,
מען זאָל ניט איר געשריי דערהערן.

געבליבן איז דאָס קינד — פאַר וואונדיקן שיין,
די מאַמע — פאַר גראָז און פאַר שטערן.

## י ע י ס ק ע

באַגינען נאָכן שלאַכט האָבן מענטשן געפונען,
מיכאַלישעק ווי דורך אַ פּייער־מיל צעריבן.
פון מענטש און הויז איז בלוט און רויך געבליבן —
און מעישקע־זשוליק נאָך אַלעמען שיווע זיצט.
נאָר ער און דאָס כאַזער־געסל — פון עצבאַ־עלאָידהים באַשיצט.

באַגינען נאָכן שלאַכט האָט באַדאַנע געפונען,
אין איר שוועסטערס טויטע אָרעמס — אַ אינגעלע פאַרקלעמט;
ווי זי וואָלט ניט לאָזן, דער צויבערן — די זון,
אַף אַ וועלט אַזאַ, איר קינד פאַרנאַרן.

האָט באַדאַנע איר שוועסטער צו קווורע געבראַכט,
און צו די קינדער — אַ ברודערל אַ נייעם.

## ברענענדיק שטעטל

אַז ס'איז דער טויט אויך מיד געוואָרן
אין קאַנאַנען־געפּעכט,
האָט אין „קומסע" גערוישט פאַרבלוטיקטער קאָרן —
ד'האָט געטליעט אַ מיניענדיקער אַש,
ווי נאָך אַ שטורעם אַ רעגנבויגן.
אַז ס'איז דער טויט אויך מיד געוואָרן
אין קאַנאָנען־געפּעכט,
האָט דער דייטש דריי טעג און דריי נעכט —
מיט ביקסן, מיט לידער און געפאַנגענע רוסן,
דורך פאַרוויסטן שטעטל זיך געצויגן.

און ס'האָבן אידן —
דורך דריי טעג און דריי נעכט זיך דערקלערט,
אַז ווי יאַנקעווס זון דער געפונענער
זאָל דאָס אינגעלע יויסעף הייסן;
און ס'האָבן אידענעס ווי אַ וואַסער געבאַלבעט,
ס'האָט יעדע אַ סלוך געהערט:
דאָס אינגעלע איז — אַ גילגל פון געהענעם אַנטרונען.

# י ע י ס ק ע

שוין האָט דער קריג צוויי וואַנזיניקע יאָר,
ווי מיט אַ בלוטיקן שפּינוועב דאָס שטעטל פאַרשפּונען;
מענטש און פערד און ראָב אין וויכערדיק געדריי —
די ווילִיע האָט פאַרשווענקט און פאַררונען.

יעיסעפקע אין וויגעלע,
כאַלעמט פון אַ ברויט ווי „סווירער באָרג" די גרויס.
ער וואַרפט פאַר פרייד די קאָלדרע אום,
און דרייט מיט דעם שמאָלינקן רוקן פאַרקערט זיך אויס.
דער פאַרנאַכט נעמט אים אַרום,
גלעט אים ביז די ראָזעווע שפּיץ־פינגער.
פיצלעך שיין אַף די שויבן טוקן.
די אַלטע שטוב איז אין דעם פּורפּור געוואָרן אינגער.
פּלוצלונג רייסט ער די שווערע שטילקייט אויף:
— מאַמע, ברויט־ברויט־ברויט.
באַדאַנע נעמט די פרומע בלעטער צונויף,
זי וויקט אין טרערן די פאַרגעלטע טכינע:
— יעיסינקע מיין קינד,
אויף זיין איז זילבער, שלאָפן איז גאָלד,
דעם געשריי פון קינדער האָט דער טויט איצט האָלט.
נאָר יעיסקע — אַ גראַגער, האָט זיך צעשריען.
מענטקע ווייזט אים אַז אַ מאַלעכל וואַרפט גראַשנס.
אַלע קינדער אומזיסט זיך מיען:
בו־בו־בו, שו־שו־שו, ש־ש־ש.

## י ע י ס ק ע

דער לעצטער פונק פון פאַרנאַכט האָט זיך פאַרלאָשן.
עלציק דערציילט,
פון אַ פּאַלאַץ — אונטער אַ יאַם פאַרשלאָסן ;
ווי ס׳האָט דער מאַלעך־האַמאָוועס אַזש דאָרטן,
אַ שטאַרבנדיקע מאַלקע — פאַר אַ קאַלע אויסדערוויילט.

בלומקע האַלט דעם פּאַלאַץ אין די אויגן.
זי קוקט דורך פענצטערלעך פון לויטערסטן יאַם.
איר שרעקן ווענט פון לעבעדיקע פיש געבויט —
און דער לעוויאָסן — פאַרפוצט
מיט די ברילליאַנטענע צעפּ פון דער פרינצעסן.

בערקע באַם געקאַכלכטן אויוון גרוילט,
ווי ס׳וואָלט די קעלט אים באַלד פאַרצערן.
בערקע, הויך און דאַר און גרין,
שאַרט זיך ווי אַ פּאָמפּעדיקל אַהער און אַהין,
מיט ווייסע לעכער אין רעקל אויסגעדהוילט.

## ב ר ע נ ע נ ד י ק   ש ט ע ט ל

באַדאַנע אײלעליולעט:
— יעיסינקע מײַן קינד,
שלאָף מײַן קרוין,
ווײַ איז מיר און ווינד.

— איך האָב אַ אינגעלע געפונען,
מיט אַזויפיל הימל אין די אויגן,
מיט האָר פון פלאַקס געשפונען.

— איז בין איך איצט
דײַן נײַע מאַמע,
און זײַן וועט אויך
אַ נײַער טאַטע.

— דײַן נײַער טאַטע
איבער יאָמען,
אַ גוטן מאַזל
זאָל באַשערן.

— אוי, קראַנקע קיעלע,
גיב מילך געזונטן;
אוי, וויסטער גאָרטן,
גיב בוריקעס און מערן.

## י ע י ס ק ע

— יעיסקעלע, סטעיסקעלע,
אינגעלע קלוג,
מיט וואָס איז פול
דער וועלט־קרוג ?
— מיט בוט־בוט־בוט.

— נײַן, נײַן אינגעלע מײַן,
ניט בוט־בוט־בוט —
זאָג בלוט ! בלוט ! בלוט !
— בוט, בוט, בלוט !
— פֿײַן, פֿײַן אינגעלע מײַן.

— ווי אַזוי מעקעט אַ ציגעלע ?
— בום! בום! בום!
— ווי אַזוי זשומעט אַ פֿליגעלע ?
— בום! בום! בום!

— ווי אַזוי זינגט אַ פֿויגעלע ?
— טראַך ! טראַך ! טראַך !
— ווי זעט אויס אַ בייגעלע ?
— אַ סאַך, אַ סאַך, אַ סאַך.

## ב ר ע נ ע נ ד י ק   ש ט ע ט ל

און ס׳האָבן אידענעס שוין פאַרגעסן —
צו דרייען פאַר לאַנגווייל אַ פינגער אין אַ פינגער
און אַף גאַניקעס ציילן,
וויפל מיידלעך עס זיינען פאַרזעסן.

און ס׳האָבן ווערדלעך שוין פאַרגעסן,
די שוואוטס פון פאַרליבטע אין די פאַרנאַכטיקע שפּאַצירן.
די ברודנע מיקווע געדענקט קוים,
ווי מען פלעגט זויבערע קאַלעס, אין זויבערן וואַסער פירן.

איצט קלייבן סאַלדאַטן זיך קאַלעס אויס,
מיט בלויזן שווערד אין האַנט
און שליידערט ווער אַ קלאַלע אַרויס,
איז גרייט אין ביקס דער קאַלטער בראַנד.

## יעיסקע

אין באַדאַנעס שטוב,
גרויען פאַרשטויבטע טעלער און קאַלטע טעפּ.
די שאַבעסדיקע לייכטער וואַלגערן זיך פאַרלאָזן.
מענטקע פרעגט,
צי מעג מען באַם שטרויענעם ברויט קידעש מאַכן;
צי וועט דער קריג יעהאָווען איבערלאָזן,
צי וועט נאָך בלייבן אַ לעוואָנע מעכאַדעש צו זיין.
די קינדער מיט יאַשטשערקעס לאַכן.
עלציק איז מעכאַלעל דעם פרייטיק פאַרנאַכט —
אַ קינעלע ראַמט איין — אין טשאַדנדיקן ליכט,
דעם נאַקעטן טיש און די קרומע ווענט.
יעיסקע פלאַפּלט
מיט אַ צונג פון שטעכיקן ברויט געשוואָלן:
— מאַמע־מאַמע,
ברויט־ברויט־ברויט, מילך־מילך־מילך.
— מיין קינד,
ס'קען דער מיל, פון מיין לייב, קיין ווייץ ניט מאָלן;
און ס'האָט היינט די קו ניט מילך, נאָר בלוט געגעבן —
אַז אין פעלד כאַפּן מענטשן אויס דאָס פעטסטע גראָז,
אַז די בעהיימע האָט דעם דאַרן ווידל פאַר הונגער שוין צעביסן,
אוי, גאָט, נעם צוריק דאָס וויסטע לעבן.

## ברענענדיק שטעטל

האַלבע נאַכט.
באַדאַנע הערט —
באַם שאַכן אַ װערגנדיק געשריי,
צעשניידט די שטייפע לופט.
פון שװערדן אַ קאַלטער פּאַכן —
און אימיץ פאַלט און אימיץ רופט:
— ראַ—טע—װעט! אױ־װיי, אױ—װיי!

אַנטקעגן — באַם שאַכן,
האָט אַ דײטש אין זנוס־געיעגן,
אַ קינד זיך אױסגעקליבן
און איר באַפױלן ליבן! ליבן!

באַדאַנע גרייט אַ שלאַכט מיט לײכטער און מיט טעפּ.
זי אָטעמט אײן דעם הילפלאָזן גװאַלד
און באַהאַלט —
איר באַסיעכידעס שװאַרצע צעפּ אונטער אַ גרױען שעיטל:
זיצט בלומקע אַ באַבעלע אַזאַ פּיצלס,
אָדער גאָר אַ הינטל קעגן היצל.

## י ע י ס ק ע

פאַרלאָשענע אָקטאָבער־נאַכט —
ליטווישער, ווײַנענדיקער וויסט.
מיט שטיקער וואָלקנס — אַ רעגן גיסט
און צעווייקט די טויטע אָף די פעלדער,
און באַווײַנט די לעבעדיקע אין די שוצנגריבער.
דורך פאַרסאַרפּעטע כורוועס פון ווילנער געסל
שאַרן זיך — פאַרבלאָנדזשעטע רוסן,
מיט טויט פאַרבאַרגענעם אין די ביקסן.
מענטש און ווינט און געשריי פון רעגן.
מיכאַלישעק וואָיעט — אַ וואָלף מיט צעמעסערטע גלידער.
דוועירקע באַהאַלט זיך פון געפאַרן,
אין עלציקס שטאַרקע אָרעמס:
— מײַן אײַנציקער, מײַן ליבער,
עס שלאָגט פון דיר מיט גוואורע —
מיט ליכט פון דײַן שאָטענענער טשופּרינע
און פול ביסטו מיט אומעטיקע לידער,
ווי דײַן פאַרשטומטע מאַנדעלינע.

פאַרלאָשענע אָקטאָבער־נאַכט —
ליטווישער, ווײַנענדיקער וויסט.
ווען־ניט־ווען:
אַ קוילן־בליץ — שנײַדט די פינצטערניש איבער;
ווען־ניט־ווען:
די קרומע שטיבלעך וואַכן אויף
און טרייסלען זיך — פון טיף ביז די צעשאָסענע דעכער.

האַלבע נאַכט.
אַרום איז וואַרנדיק־שטיל —
אַמע די צעדרייטע פּויזעט אין בייסוילעם אום.
איר טויטן קאַטערינשטשיק האָט זי געבראַכט אַ בלום.
זי דערציילט אים,
וויפל שטיבער האָבן מיט דער סאַזשלקע זיך אויסגעגליכן —
אַז די באָד גליוועוערט, אונטער אַ צודעק פון וואַסער־שימל,
אַז ווען אַפן כאַרעוון בייסמעדרעש,
טוט אַ נייע לעוואָנע אָן טאַכריכימדיקע ציכן,
בענטשן די זשאַבעס רווישכוידעש צו אַ גאַטלאָזן הימל,
ווייל גאָט וואַלגערט זיך מיט שטיקער אָרן־קוידעש.
זי דערציילט אים,
ווי אָפן אָרט פון זיין כאַטע שטייען בלאָטעס:
— אוי טאַדרעס,
שוואַרץ איז מיין מאַזל, ווי די ערד פון דיין קייווער.
איך בין שוין מעשוגע און פאַרמאַטערט,
עס גייט אין מיר די צנאָטע.
זי גלעט די האַרטקייט פון דער ערד:
— אוי טאַדרעס,
איך וויל זיין אַ קישן פאַר דיין קאָפּ.

אַרום איז וואַרנדיק־שטיל —
אַמע די צעדרייטע פּויזעט אין בייסוילעם אום.
איר טויטן קאַטערינשטשיק האָט זי געבראַכט אַ בלום.
די בלום פרירט אין אירע פינגער אַוועק,
און ס׳גליטשן זיך די בליטן אָף זיין קייווער אַראָפּ.
זי איז פון בייסוילעם — די לעבעדיקע שרעק.

## י ע י ס ק ע

די לעוואַנע זוכט אַ וועג דורך לאַטעדיקע שויבן.
בערקע באַם אויוון — מיט קאַלך און מיט רויך,
קוקט צו גאָט אַרויף.
באַדאַנע קלערט:
צי האָבן דעם ריבוינע־שעל־אוילעם ניט פאַרשאָלטן בייזע ציגנער,
צי איז אַפּילע גאָט,
אַזאַ גרויסער דאָקטער — אַזאַ קראַנקע וועלט צו היילן.

ס׳דאַכט באַדאַנען,
ס׳וועט דער טויט שוין ניט אַוועק פון דאַנען.
אייביק אַזוי,
וועט קאָפּ און האַרץ אין קאַנאַנען־פייער קאָכן;
אייביק אַזוי,
וועט דער הונגער, אין לייב איינגעגעסן —
גריזשען פאַרכאַלעשטע קנאָכנס.

## ב ר ע נ ע נ ד י ק   ש ט ע ט ל

— מאַמע־מאַמע־מאַמע,
וויפֿל וואַסערלעך אין ווילִיע־טייך ?
— יעיסינקע מיין קינד,
וואַסערלעך און בלוט זיינען איצט גלייך.

— מאַמע־מאַמע,
אין דער גאַנצער וועלט וויפֿל ברויט ?
— מיין קינד,
אין דער גאַנצער וועלט — טויט און טויט.

— מאַמע־מאַמע,
אַ ביקס ליגט וויפֿל רוסן ?
— מיין קינד,
פּאַר אַזויפֿיל מאַמעס — שוואַרצע גרוסן.

— מאַמע־מאַמע־מאַמע,
וויפֿל קעפּ קען אין אַ וואָגן אַריין ?
— יעיסינקע, מיין קינד,
אַזויפֿיל פּיין,
איז דער ברעג פֿון ערדן און יאַמען.

## י ע י ס ק ע

נעגעלעך לעוואַנע ווייזן,
מיט וויפל מאַלאָכימלעך יעיסקע שלאָפט.
איבער אים באַדאַנע האָפט:
— אין אַמעריקע „דיין“ טאַטע,
איז געפאָרן האַנדלען —
מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען.

# אַ פאַרטאָג

## ברענענדיק שטעטל

ווידער האָבן באָמבעס פאַרמורזשעטע שטעטעלעך צעשיינט,
און ערגעץ אַ פאַרבלאָנדזשעטער,
שטייט לעבן באָמבע־קראַך מיכאַסקע דער טויבער
און באַ יעזוסעס הימל זעט,
ווי ס׳פליען שטיבעלעך פון צויבער,
מיט שטערן — אַנשטאָט שויבן.
זיי פליען אומעטום — גאַנצע שטעט,
זיי ציילעמען די אימעדיקע הויכן,
זיי צינדן וואונדערלעך אַלע ווייטן
און האָגלען אויפן שניי פינקלענדיקע שטויבן,
און ווי קישעף שלאָגט פון שניי הייסער רויך.
ווער זיינען זיי און פונוואַנען?
ווייס ניט מיכאַסקע דער טויבער,
אַז דאָ זייען איצט טויט עראָפּלאַנען;
אַז ס׳האָבן זיי געשיקט קייזערלעכע רויבער,
דעם מענטשן־מין אַף מיסט צו בייטן.

## א פאַרטאָג

מיכאַלישעק שלינגט נאָך גיפטיקער רו.
דער שלאָף — אַ ריזנשלאַנג,
וויקלט זיך:
אַרום פאַראורטיילטע דעכער,
אַרום פאַרסאַרפּעטע ווינקלען.

יעיסקען הויבן טויטנדיקע שפּילכעלעך פון שלאָף:
— מ־מאַמע הער,
מ־מאַ־מע קוק.
— וואו? ווער?
— אַ ד־ז־זשוק־זשוק־זשוק.

באַדאַנע גיט די פאַרהאַנקע אַ שמאַלינקן הויב —
זי הויכט אָוועק אַ פאַסיקל שויב,
און זעט עראָפּלאַנען אין וועלפּישן געיעג,
אַט אין הויך, אַט אין נידער
און אַט —
שלאָגן זיי מיט באָמבעס אויס — פּייער־וועגן.

## ברענענדיק שטעטל

און געוואַלט האָט באַדאַנע ביז דער גאַל זיך צעברומען —
העי, עראָפּלאַנען, העי, מעשוגענע העלדן,
װעלכע פעסטונג פליט איר דאָ באַזיגן?
דעם העקדעש פון פאַרגרינטן כאַזער־געסל,
צי די קינדער אין די פּראָסטיקע װיגן?

העי, עראָפּלאַנען — העי, מעשוגענע העלדן,
װעלכע פעסטונג פליט איר דאָ באַזיגן?
אַמען דער נאַכטװאַנדלערן פון בייסוילעם,
צי די דריי ניט־דערקוילעטע זעלנער,
אַף דעם נייעם װיליע־בריק?

איינער מיט קאָפּ אַ שטיק,
האָט זיין העלמעט פאַרבלוטיקט און צעבויגן,
זוכט ער אַ פינגער־הוט קויעך —
צו פלעכטן זיך,
פון גאָט־און־קייזער־פּאַס אַ שטריק.
איינער מיט די צעשאָסענע פוס־פינגער,
שלעפּט פון ביקס דעם פאַראָקשנטן צינגל;
און דער דריטער מיט גסיסע אויגן,
טפילעט אַ לעצט געבעט:
קום, גוטער טויט, אָ, קום —
כ'װעל מיין קייזער, מיין גאָט און מיין פאָטערלאַנד דיר געבן,
קום, גוטער טויט, אָ, קום.

געװאַלט האָט באַדאַנע ביז דער גאַל זיך צעברומען,
העי, עראָפּלאַנען — העי, מעשוגענע העלדן,
װעלכע פעסטונג פליט איר דאָ באַזיגן?

## א פ אָ ר ט אָ ג

אַזויפֿיל פֿינצטערניש אין דעם אַרום,
ווי ס׳וואָלט די אייביקייט אין דער נאַכט פֿאַרבלאָנדזשעט.
מענטקע זאָגט —
אַז אין די באָמבעס האָט דער פֿאַרטאָג געקראַכט,
וועט שוין מער ניט זיין קיין זונאויפֿגאַנג.

דורך דעם פֿאַכאַד פֿון דער טרייסלענדיקער כאַטע,
גרייכט דער ברום פֿון אַ ווייטן סאָלדאַטן־געזאַנג.

## ב ר ע נ ע נ ד י ק  ש ט ע ט ל

דער באַמבע־קנאַל אַנטלויפט אין ווייט,
אין לעצטע שטיקער נאַכט איינגעהילט.
דורך דער צעשאָסענער שטילקייט,
שרייט די קו ווי נאָך הילף:
באַדאַנע מו־ו, באַדאַנע מו־ו.

באַדאַנע שאַרט די נידעריקע אָקסלען,
פּאַזע קאַלטער וואַנט צום שטאַל;
אין פירהויז — גייט ציטערדיק דער פּאַרטאָג,
מיט שטראַל נאָך שטראַל, ווי מיט ערשטע טריט —
און רויטלט די בלאַסקייט אַף אירע ברייטע באַקן.

די קו — אַ כאָלעם אין גערירטע געהירן:
אַף איין האָרן
וויגט זיך, ווי אַ הונגער־פּאַן, אַ ליידיקער צעבער;
דער צווייטער,
אין די טיפע רינגען איז צעבראָכן.
דער עק ווי אַ בייטש פאַררוקט אונטערן בויך.
די צונג, ווי איבעריק, אַרויסגעשטעקט,
מיט אַ כאַלאָשעס־פּעניע רינט.
אין מויל גליווערט אַ קאַלטער אָטעם־הויך.
די ווייס און געל געפּלעקטע קנאָכנס — פון ראַצן צעביסן.
מיט אַ פוס אַף אַ פוס, ווי אַ מענטשנס פאַרבראָכענע הענט,
שטייט זי קעגן באַדאַנען — אַ שעד! אַ שעד!

# א פּאַרטאָג

האָט די שיידים־בסורע — דעם העקדעש גיך צעטראָגן,
און ס׳זיינען מענטשן,
אין ווייסע זעק ווי אין טאַכריכים אָנגעלאָפן —
ווער מיט אַ בייזער צונג, ווער מיט אַ טפילע און ווער מיט אַ פלאָקן.

„דער פּרייסישער קעניג״
מיט דער גוליע, וואָס אַף זיין האַלדז־קנאָפּ שטענדיק רייסט —
וויגט זיין בלעכענע קרוין
און ס׳דינען אים די גלעקלעך אונטערטעניק:
— קלינג־קלונג, כריפּ־כרופּ,
די שיידים פאַרטריבן שוין.

כאַיעם־מעיער דער סווירער, קרייט און פּאַכעט,
ווי מיט די פליגל אַ געבונדענער האָן:
— ניט איינמאָל בין איך אַף אַ שעד געריטן,
און ניט איינעם אין מיין טאַרבע דערשטיקט.
די שיידים, ווי די טרערן, מערן זיך און מערן —
איך קען מיט מיין לאַנגער באָרד,
ווי מיט אַ בעזים זיי אויסקערן.

יעשיע דער פינטלער מיט טראַכאָמע אויגן,
פינטלט דערשראָקן —
מיט אַ האַלבער טוירע אין די צעפּראַטרענע אָרעמס:
— דער פאַרברענטער פאַרמעט זאָגט,
ס׳האָט צשיצשילע, די מאַכעשייפע, אין אַ שעד דער קו געביטן —
מוז מען איר מיעסן גייסט מיט אַשער־יאָצער טפילעס טרייבן;
ווען ס׳וועט די קו זיך אויסטאָן פון איר פעל
און בלייבן — אַ שעד אַ הוילער,
וועל איך מיט אַ צעהאַקטער שויב זי קוילען! קוילען!

## ב ר ע נ ע נ ד י ק  ש ט ע ט ל

אַמע די צעדרייטע האָט אַלעמען צעיאָגט:
— איך רייס אָן אַף אייך מיינע וויסטע יאָרן,
שיידים, קרעץ, זייט איר אַליין.
ס'האָט מיין טאָדרעס פון ליכטיקן גאַנעידן,
דורך דער הייליקער קו — אַ מאַלעך אונדז געשיקט.

עס וואַקלט זיך די קו,
מיט די זאָדיק־ביינער דורך דער פעל דורכגעשניטן —
קעגן אַמען דאַוונט דער צעבער אָפן האָרן:
— ש־ש־ש,
באַנאַכט,
ווען טאָן וועט גאָט די ערשטע שטערן שרייבן
און שטאַרבן וועט אימירצעשעם די מאַלעך־קו,
וועט מען מוזן —
אַף אַ טהאַרע־ברעט זי וואַשן מיט אומבאַרירטן שניי
און מיט אַ טאַלעס אין אַן אָרן,
לעם מיין טאָדרעסן, דעם צאַדיק, מעקאַבער זיין.

## א פּאַרטאָג

באַדאַנע נעמט ווי אַ הייליקן אַראָפּ דעם צעבער:
נייך, קיעלע, איך וועל דיך ניט קוילען,
ווי דיין מאַמען און דיין באָבען —
אוי וואָסער גליק קענסטו מיר געבן,
כוץ דיין גאַל און דיין קראַנקן לעבער?
און אַז איך האָב פאַר דיר קיין לעבן ניט,
ניטאָ, ניטאָ קיין לעבן —
איז קיעלע שטאַרב! שטאַרב!

נאָר ס'האָט דאָס קיעלע ניט געפאָלגט,
ניט באַדאַנען און ניט גאָט.
ווען ס'האָט באַדאַנע איר מיט שטשאַוויע ווי אַ קינד אָנגעזויגן,
האָבן אירע „שיידים־פּיס" זיך קוים געשטעלט
און די פאַרלאָשענע אויגן,
ווי מיט פּייערלעך האָבן אויפגעהעלט.

## ברענענדיק שטעטל

דער פֿאַרטאָג אין מיזרעך — אַ שלאַכט מיט אַלע טויטן צעצונדן.
דער פֿראָסט קאָרטשעט דעם קיט אַף די שמאָלע פֿאָרטקעס
און מאָלט שנייאיקע שטערן־וועגן אַף די שויבן.
דוועירקע האָרכט,
ווי עלציק פֿון די געמאָלענע שטערן — ליכטיקע מאַיסעלעך שפּינט
און מיט וויפֿל ליבע,
יעדער טראָט פֿון איר שלאַנקן עלציק שאָרכט
און צו וועמען —
אויב ניט צו איר — זיין גיכע האַרץ אַזוי יאָגט.
ווען זי וואָלט זיך ניט שעמען,
וואָלט זי פֿאַר פֿרייד זיך צעקלאָגט.

## א פֿאַרטאָג

אַז מיט די שענסטע ווערטער האָבן זיי זיך אויסגעצירט,
אַז זיי האָבן ניט קיין ווערטער מער
פֿון זייער ליבע צו דערציילן —
שפּילן עלציק און דווערקע זיך אין „פֿלירט",
און פֿאַרשפּילן אַלע אומגליקן מיט זייער גליק:

— דו מיין געטרייער, דו מיין גילדענע פֿרייד,
וואָס איך וויל פֿאַרטרויען, וואָס איך וויל איצט זאָגן,
טאָר די פֿאַרע פֿון מיין מויל ניט הערן —
ווען ס'זאָל פֿון מיר אַ קויל דיך נעמען,
וועל איך ניט וויינען, וועל איך ניט קלאָגן,
נאָר אין מיין קריע־קלייד,
באַ דער לעוואָנע — מיינע לאַנגע האָר צעקעמען
און אין אַ שאַטן־טאַנץ
צו דער ווילדע לייכט זיך לאָזן.
איבער מיר — די מיכאַלישקער שטערן
און אַרום מיין קאָפּ,
פֿון קאַראַשיקלעך — דער שענסטער קראַנץ.
אַזוי וועל איך צו דיר אין הימל קומען,
מיט מיין טויט — דיין טויט היילן.
אַף אונדזערע קוואָרים וועלן קושן זיך די גראָזן.

# היידאַ, אַהער? היידאַ, אַהין?

## ברענענדיק שטעטל

אַף די קינדער קוקט דער טאַטע פון אַ ווינקל שטוב.
ער שמייכלט שטענדיק, דורך דעם שפּינוועב, פון בילד אַראָפּ
און געזעגנט זיך מיט אַ פאָכנדיקער האַנט
צווישן בלומען, פייגל — און ביימער
וואָס דוכענען מיט צווייגן צו אַ פרילינגדיקן הימל.

באַדאַנע גיט דאָס שווערע בילד פון אָרט אַ הויב
און ס׳קרישלט זיך אויס אַ טיפע גרוב —
פאַלן שטיקער צעפראָרענע וואַנט אַף דעם פרילינגדיקן הימל
און אַף הירשע־דאָווידס לאַכנדיקן קאָפּ.
וויפל שרעק אין דעם פאַלנדיקן הימל!
וויפל געוויין אין דעם אַלטן שטויב!

האָבן די קינדער זיך דערמאָנט
אַז ערגעץ ווייט-ווייט — אַ טאַטע איז פֿאַראַנען;
קענען אים ניט גרייכן,
ניט דער שטאַרקסטער אָדלער, ניט די גיכסטע באַנען.
און וואו איז אַמעריקע?
מענטקע דערציילט,
ער האָט אַמעריקע געזען אין היץ-געדאַנקען —
ווען בײַ דער גוטער מומע ביילקע איז ער געלעגן קראַנק.

בערקע מורמלט —
ווי דעם איוון וואָלט ער פּאַרטרויט,
אַז קיין אַמעריקע איז ער אַף אַ כאָלעם געפלויגן;
אין אַ פּאַלאַץ האָט ער דעם טאַטן דערקענט
און די גאָלדענע ווענט מיטן דהאַנט געגלעט —
צוריק האָט דער כאָלעם צופוס אים געבראַכט
און דעם יאַם — אין וועג דערטרונקען.

עלציק שווערט,
ער קען די טריט ביז אַמעריקע ציילן;
ער פירט די קינדער איבער יאַמען,
רייטנדיק אַף ווערטער פון קלוגע ביכער.

בלומקע פליקט די שטרויעלעך פון ברויט,
וואָס האָט קיינמאָל ניט געכאַוועט זיך מיט קאָרן.
זי שטאַרט אין מעלאַנכאָליע אַ ווייל פאַרזונקען
און דאַן ווי אין אַן אומגליק,
מיט אַ צעקרימט געלעכטערל — לאַכט און לאַכט
און צעפּאַטשט ביז וואונדן זיך די הענט:
גיכער! גיכער!
צום טאַטן, צום פּאַלאַץ אין אַמעריקע פאָרן.

# ברענענדיק שטעטל

די קינדער צוזאַמען פרעגן,
צי יעיסקעס טאַטן — האָט שוין די שלאַכט פאַרשלונגען,
צי זיין מאַמע געשטאָרבן איז טאַקע באַם האָבן:
— אוי, קינדערלעך,
פון יעיסינקעס מאַמען —
פרעגט דעם פרילינג און אַ פאַרשאָלטענע נאַכט.
פון זיין טאַטן — עליע־לייזער בערעב אַבע,
ווייסן מינהאַסטאַם די ראָבן.
דעם סאָד זאָלט איר אין די ביינער טיף פאַרבאָרגן,
ביז ס׳וועט יעיסינקע באַרמיצווע ווערן.
יעדעס קינד,
מיט טרערן ביז צום האַלדז פאַרוואָרגן,
גראָבט טיפער אינם האַרץ דעם שניט,
וואָס יעיסקע — דער בעסטער ברודער איז קיין ברודער ניט
און ס׳האַלט יעדער אַף די ליפן פאַרשטשעמעט דעם געוויין,
עס זאָל ניט דער קלוגער יעיסינקע,
עפּעס פון זיין גרויסן בראָך פאַרשטיין.

היידאַ, אַהער? היידאַ, אַהין?

יעיסקע פרעגט פאַרוואָס אַ הינטעלע בילט —
ניט ט־ט־טראַך, ניט ב־ב־בום־בום,
נאָר ה־ה־האַו־האַו־האַו —
און אַ ז־ז־זייגערל וואָס מיינט מיט דעם ט־ט־טיק־טיק?

באַדאַנע שלאָגט אים מיט אַ פינגער:
— זאַהיק ניטע, ניטע זאַהיק,
און שעפּטשעט ווי צו זיך —
דאָס פרעסט זיין לאָשן אויף דער הונגער,
אַז אויסגעטריקנט האָט די מילך אין דער קו
און ווי אַ זיפּ,
צעלעכערט האָט זיין צונג — דאָס בייזע, שטעכיקע ברויט.
ניטאָ קיין לעבן, ניטאָ קיין טויט —
מיין קייל־עכדיק יאָסעמל, מיין געפונען אינגעלע.

איר טוט פאַר יעיסינקען דער מאַרך אַזש וויי.
זי ברענגט אים שיינע פּוליעס גאָר אַ סאַך —
הויפנס פאַרבלוטיקטע שפּילכעלעך.
יעיסקע שפּילט זיך מיט די ליידיקע פּוליעס
און זוכט אין זיי די נעשאָמעס פון טויטע סאָלדאַטן.
פאַרלאָשענער בראַנד הויערט אין די ליידיקע פּוליעס,
און איבער האַרוגים שרייט דער פאַרשטומטער קראָך.

## ב ר ע נ ע נ ד י ק   ש ט ע ט ל

יעיסקע —
מיט פאַרוואונדערטע אויגן און אַ פאַרמעטעטענעם שטערן,
אין אַ ווינקל גרויט — אַן אַלט קינד
וואָס צען מאָל עלטער איז זיין פאַרשטאַנד.

יעיסקע, אין אומרו פון קאַנאָנען געראָטן,
הערט דעם זייגער
מיט שווערע וואָג ווי אָף קוליעס גיין —
און ווי אַ קאַרגער רעגע נאָך רעגע קלייבן;
ווען ער וואָלט אַ זייגער געווען,
צום מאָרגן, צום איבערמאָרגן וואָלט ער געאײַלט
און אַלע סאָפן גיך געזען.

היידאָ, אַהער? היידאָ, אַהין?

פון דעם אומעטיק פענצטערל,
קוקט יעיסקע מיט דריי לאַנגע ווינטערס אַרויס;
עלציק זיינע מאָדנע מאַיסעלעך דערציילט,
און יעיסקע — אַ טאַרבעלע אומעט אַף זיין שויס:

אַמאָל איז געווען אַ מיידעלע פון ברויט,
באַשפּרינקלט מיט געשמאַקן קימל —
הענט און פיס — אַלץ פון ברויט,
נאָר איר קאָפּ געווען איז פון הימל.

און געוועזן איז דאָס מיידעלע אַזש פון דיר מער העלד —
זי האָט פּאַר שיידים און פּאַר וועלף זיך ניט געשראָקן,
ווייל אַף אַ צאָן איז אַזאַ קליינינקע און דאַרע,
נאָר פּאַר מענטשן האָט דאָס ברויט־מיידעלע געציטערט,
ס'זאָל אַ הונגעריקער זי ניט עסן.

ווען גאָט האָט די וועלט מיט פינצטערניש געפּיטערט,
איז זי מיט אַ מילך־קליידעלע און שאָקאָלאַד־לאָקן,
אַזש אַף דער לעוואָנע געזעסן;
ווען ס'פּלעגט ווי איצט אַף טאָג שוין שאַריען,
האָט זי אין דער ערד זיך טיף פאַרגראָבן —
נאָר איר קאָפּ געבליבן איז — אַ שטיקעלע הימל.

# ב ר ע נ ע נ ד י ק   ש ט ע ט ל

און ווען דאָס מיידעלע אַליין איז הונגעריק געוואָרן,
האָט זי צוערשט —
אַ שאָקאָלאַד־לאָק זיך אָפּגעשאָרן,
דאַן האָט זי אַ פינגערל זיך אָפּגעשאָבן.
אַזוי איז זי אַלץ מער און מער פון דער ערד געקראָכן —
ביז זי האָט אַליין זיך אויפגעגעסן.
נאָר איר הימל־קאָפּ,
באַ אָט דעם פענצטערל האָט זי פאַרגעסן.
אַ האַנט ווי אַ ווינטעלע געבליבן איז צו מיר נאָך פאָכן
און ווי אַ פידעלע געבליבן איז אין קומסע איר געוויין.

היירא, אהער? היידא, אהין?

ווען ווי מענטקע ועסטו אַ גרויסער ווערן
און אַליין שוין קענען אַזש אַף ווילנער געסל גיין,
און ווי מענטקע קוקן אין דער הויך לאַנג־לאַנג,
וועסטו נאָך הערן —
איר מילך־קליידעלע ערגעץ גיסן,
וועסטו נאָך זען ווי ס'טרויערן נאָך איר די שטערן.

וואָס דאָס מיידעלע וועט מער ניט קומען,
טוט, יעיסינקע, מיר אַזוי באַנג, אוי, באַנג.
ווען פון איר קיינער וואָלט איך וויסן,
וואָלט איך ברענגען איר די שענסטע בלומען.

און יעיסקע האָט מיט הויט און ביין דאָס מאַיסעלע געהערט
און לאַנג
האָט דאָס אויסגעקלערט מיידעלע אין זיינע אויגן געטרערט:
— על־על־לעלציק־עלציק־עלציק,
ניט אַף דעם איך וויין
וואָס איר קאָפּ געוועזן איז פון הימל,
נאָר וואָס געוועזן איז דאָס מיידעלע פון ברויט —
באַשפּרינקלט מיט געשמאַקן קימל,
מיט הענט און פיס — אַלץ פון ברויט,
אַף דעם איך וויין, איך וויין.

פרימאָרגן.
אַ נייגעריק ליכט נישטערט דעם פעטער כאַיעמס קוזניע.
די קוזניע: אַ כאָרעווע שיף צום אייז געפראָרן.
דער ווינט טרייסלט די לויזע קלעצער אין די מאָכיקע ווענט.
דאָ ליגט דער אַמאָל מיט אַזויפיל זונען דערשטיקט.
דער פאַרלאָשענער בלאָז־זאַק כאָלעמט פון פייער.
צעבויגענע קאָסעס בענקען: נאָך דעם פעטער כאַיעמס הענט,
נאָך זאַנגען־פעלדער און נאָך זאַטע שייערס.
די טעמפע העק געדענקען,
גובעזשער וועלדער און אַרן־וועלוולס פליטן,
און ס׳געדענקט דאָ אַ ראָסטיקע צוים
די סליונע פון דעם וויכער־פערד,
אין ווילדער געמבע צעשוימט —
ווען ס׳האָט באַדאַנעס ערשטער כאָסן, וועלוועקע —
אין אַ זאַווערוכע צו איר געריטן,
און אין אַ רעגע — זיין מאַזל פאַרזאַמט.

אין כאַזער־געסל,
טראָגט דער פראָסט טאַכריכים דורך די שטיבער;
איבער די לײדיקע װיגן,
שפּינט דער פרימאָרגן — אַ גינגאָלדענעם טויט.

מענטקע פליט אין טרוים — צו גאָט אַרויף
און ווערט פון גאַנעידן דער קאַפּיטאַן.
ער האַלט פון מאַזל דעם רודער
און באַשערט
אַז ווערן זאָל יעיסקע זיין לײבלעכער ברודער.
ער באַשערט
דעם פראָסט מיט זומער זיך ברידערן —
און ס׳אַנטלויפט די קעלט.
ער הייסט יעדן שטיין זיך פּרוכפּערן,
און ס׳בליט פון יעדן שטיין — אַ לאַבן ברויט.
ער הייסט יעדן קאָפּ, דעם פאַרוואָרפענעם גוף געפינען,
יעדער טליע — בליאונג געבן:
און ס׳יאָנטעוועט איביק לעבן.
ער הייסט דעם הימל אַף דער ערד נידערן —
טראָגן מאַלאָכים דעם הימל אַראָפּ,
און נעמען דאָס כאַזער־געסל צו די שטערן אַרויף.

## ב ר ע נ ע נ ד י ק  ש ט ע ט ל

בערקע באַם לעפּלעכן אויוון,
זעגט אַזש די הוילע ביינער.
די קעלט הוליעט אַף זיינע ליפּן,
די ווייכע ציינער טאַנצן,
ווי ער וואָלט עפּעס דורך זיי זיפּן;
אים אַנטקעגן,
באַוועגט זיך אַ שאָטן ווי פון אַ האַנט מיט אַ פעדער —
ווי ס׳וואָלט זיין צעווייטיקטער רוקן,
מיט די וואונדן אַף דעם האַרביקן אויוון געשריבן.

עלציק היט דווערקען קעגנאיבער
און האַלט די גאַנצע ליבע אין קאַרטעלעך פלירט;
דווערקע, מיט אַ טשוועקל אַף די פּראַסטיקע שויבן
אַ בריוועלע קריצט:
— מיין שענסטער, מיין ליבער — — — —
אין אירע אויגן — זיין גוואורעדיקע אומרו בליצט.
עלציק שפּירט,
ווי איבער דווערקען — דער פרימאָרגן
באַהאַלט זיך בעקיוון אין די בוידעם־לעכער,
דאָ זאָל דער קריג קיין שיין ניט רויבן.

היידאַ, אַהער? היידאַ, אַהין?

עלציק דערציילט:
ווי ס׳האָט אַ בער,
אַ מענטשן פאַר אַ פריינט זיך אויסדערוויילט.
ער ברענגט צו יעדן אויער,
דאָס דאַוונען פון אַ פרומען וואַלד
און פאַר יעדן אויג — אַ מענטש אַ גרויען,
וואָס שרייט פון אַ הייל — גוואַלד!

אַ בער האָט פלינק דעם גוואַלד פאַרנומען,
און דעם זאָקן
אין נאָרע צו זיך גענומען,
און ס׳האָט דער מענטש פאַר דעם בער זיך ניט געשראָקן.

קעגן די בערישע אויגן,
געשיינט האָבן דעם מענטשנס האָר אַזוי העל;
געהערט האָט דער זאַקן ווי ס׳יאָמערט דער בער,
פאַרוואָס זיין ווילדע האַרץ טוט קיינמאָל באַנג.

## ברענענדיק שטעטל

דער זאָקן האָרכט —
ווי דער בער מיט עלנטן געברום,
פרעגט דעם וואַלד
פאַרוואָס ס׳איז אים אַ בער צו זיין באַשערט,
פאַרוואָס אַ בייזע פעל פאַרשטעלט זיין גוטן פּאָנים;
און ס׳ענטפערט זיך קאָרטשענדיק דער וואַלד:
הער, אוי, הער,
וויפל ווינטן, וויפל צעיושעטע גאַזלאָנים,
דורך אַלע מיינעביימער יאָגן.

דער בער מיט ראַכמאָנעסדיק געוויין,
פרעגט דעם וואַלד —
ווי זאָל איך אָף פליגל איבער דיר זיך הויבן?
און ס׳ענטפערט וואָיענדיק דער וואַלד —
ניט לאַז, ניט לאָז מיט אַזויפיל וואָלקנס מיך אַליין.

היידאַ, אַהער? היידאַ, אַהין?

געזען האָט דער קלוגער זאַקן,
ווי ס׳פּרואווט דער בער פון זיין פעל זיך באַהאַלטן;
געזען דעם גרויסן בער — קליין און געבויגן
און ביז די מערדערלעכע ציין צעשראָקן.

אַף דעם קלוגן זאַקן,
געקוקט ד׳האָט דער בער — אַ קראַנקע שאָף,
און אַזוי מיט וואַלדיקער מוירע צוגעדעקט —
פאַרשאַרט זיך אין שלאָף.

אַז ס׳האָט דעם בער — דער שטורעם אויפגעוועקט,
האָט ער באַם בליץ געבעטן זיך אַ פייערדיקן טויט;
נאָר ס׳האָבן די בליצן זיך אָפּגעזאָגט צו בליצן,
און דער יעגער געזשאַלעוועט האָט זיין שרויט.

אַז קיינער ד׳האָט דעם בער דעם טויט ניט געגעבן,
איז ער אַזוי נאָך לאַנג —
אַף זיין איבעריקן לעבן געזעסן
און אַליין שוין פאַרגעסן
אַז אַמאָל איז ער אַ בער געווען,
ביז דער זאַקן האָט דערזען:
פון דעם קעניג בער —
איז אַ ווערימל אַ קריכנדיקס געוואָרן.

# ב ר ע נ ע נ ד י ק   ש ט ע ט ל

מיטאַמאָל האָט דער בער, אַ גיבער אויפגעוואַכט
און דעם מענטש געכאַפּט אין צעווילדעוועטן מויל;
מיט די בערישע ציין,
האָט ער אין זאָקנס האַרץ די גוטסקייט געלויערט.

אין אַלטן וואַלד,
פאַרגאַנגען איז די זון — אַ שטומע, ניט אויסגעלאָדענע קויל.
פון צווייג צו צווייג, געפלאַטערט האָבן שטיקער באָרד —
און מיט אַ שיוון שיין געבלענדט די אײמעדיקע נאַכט.

היידאַ, אַהער? היידאַ, אַהין?

בלומקע, צו אַ וואונדערלעכער מוירע געשמידט —
פאַרשטייט דאָס בערישע מאַיסעלע ניט,
דרייט זי די ליפּן קרום
און רייסט זיך אויף אין אַ גוואַלד:
—עלציק־עלצוק, יעיסקע־יעי—סוק, מענדע־מענטוז,
בערקע?! אונדזער שטילינקער בערעלע?!
— ניין, בלומקע, בלומעלע, בלום.
ניט בערקע, ניט אונדזער שטילינקער בערעלע —
אַ בער אַ גוטער אַזאַ פון ווילדן וואַלד.

בלומקע ווײנט
און ס׳טרעלט ווי אַ פֿאַלנדיק פֿויגעלע איר קאָל.
זי לעקט אַ סקאָרינקע,
מיט אַ צונג — פֿריקרע פֿון צו זיסן סאַכאַרין.
אין אירע אויגן בעט זיך די שרעק,
ס׳זאָל די גרויסע װעלט זי ניט צעדריקן —
נאָר אַז זי הערט אין טאָפּ,
דעם פּאָסנעם שטשאַוויע פּרײלעך זידן
און מײנט
אַז די קאַשע פֿון קאָדאָכעס און פֿון שטרוי,
וועט נאָך ווײד ווערן אַמאָל —
ווערט איר גרינג און לינד אַזוי,
רײַבט אין איר די קראַנקע פֿרייד
און זי האָפּקעט און זי שפּרינגט
און באַמבלט איר קינדישן צאָפּ
לענגער פֿון איר קלייד
און זי קוויטשעט און זי זינגט:
— מיטי־פֿאַלע־ראַלע־פֿאַלע־ראַלע,
מיטי־פֿאַלע־ראַלע־פֿאַלע־ראַלע;
קומען וועט אַ פֿוטערדיקע פּאַווע —
פֿון אַ ווײַט־ווײַטן לאַנד,
ברענגען וועט זי קיכעלעך און קאַווע,
אַ פֿולע־פֿולע־פֿולע־פֿולע שטוב;
מיטי־פֿאַלע־ראַלע־פֿאַלע־ראַלע,
מיטי־פֿאַלע־ראַלע־ראַלע־ראַלע.

הײַדאַ, אַהער? הײַדאַ, אַהין?

ש־ש־ש!
ר־ר־ראַ־טאַ־טאַ־טאַ!
קנאַל —
און פֿאַל פֿון אומבאַקאַנטע ברידער!
מאָרך אַף שנײ מיט כאָכמע שײַנט.
דער טאָג װערט פֿול מיט טשאַד פֿון רױכערדיקע גלידער,
מיט פֿינצטערניש פֿון פֿאַרלאָשענע געשטאַלטן
און װאו זאָל באַדאַנע פֿון אַ טאָג אַזאַ זיך באַהאַלטן,
זי קען צום מאָרגן ניט אַנטלױפֿן פֿון דעם הײַנט.

די קינדער אין אַ טרױער־קראַנץ — אַרום באַדאַנען:
— אױ, קינדערלעך, אױ, באַלד,
װעלן מענטשן מיט סרײפֿעס גײן אַ געהענעם־טאַנץ.
מען מוז, מען מוז, זאָל זײַן צום שעד פֿאַרשװינדן
און װעלכן פֿײַער זאָלן מיר זיך קלײַבן?
אַלע װעגן פֿירן,
פֿון סרײפֿע צו סרײפֿע —
דורך ברענענדיקע טירן.
אױ, קינדערלעך, אױ גװאַלד,
װען איך קען —
צוריק אין טראַכט װאָלט איך אײַך פֿאַרטרײַבן.

## ברענענדיק שטעטל

דער פרימאָרגן ווייזט מיכאַלישעק,
ווי ס׳וואָלט אין אַ גאָלדענעם בלוט געגליוועוועט.
פאַר דער געטשקע בוקט זיך מיכאַסקע דער טויבער.
באַדאַנע פאַרנעמט,
אין קומסע אונטער דעם שניי —
דעם זאַפּט פון אירע פרילינגס רינען.
יעיסקע — אַ פּיצל פּראָסטיקע זון,
לאָזט דעם הונגער נאָגן די דינינקע גלידער.
עליציק פאַרקלעמט אַזוי היט,
צום לעצטן מאָל דאָס כאַזער־געסל טאָגן:
די שטרויענע דעכער אין אַ געבעט קעגן פייער,
די דערשראָקענע קוימענס — העלדזער פאַר דער שכיטע.

היידאַ, אַהער? היידאַ, אַהין?

באַדאַנע ווי פון אַ וואָראַנע דאָס קראַ־קראַ ליד —
מיט טרערן און מיט אומגליק פול,
שפּרינגט פּלוצלונג ווי מעשוגע אויף
און באַפאַלט
די לעצטע סייפער־טוירע אין דער פאַרגעלטער קלויז,
און טראַמפּלט מיט די שוואַכע פיס איר שטאַרקן גאָט:
— איצט טויטער גאָט
איצט — ברען, איצט — בראָט;
פּלוצלונג ווי מעשוגע,
שפּאַנט זי די סקעלעטנדיקע קו אין וואָגן
און פּאַקט די קינדער און די טראַנטעס איין:
— העי קיעלע, העי פּאַדלע,
זאָלסט אונדז ערגעץ טראָגן, טראָגן!
היידאַ, אַהער? היידאַ, אַהין?
ערגעץ איז דאָך שיין פּאַראַנען, אַ־זויפיל שיין!

אַמע די צעדרייטע — איבער אַ פאַרשנייטן קייווער,
הערט איר טאַדרעסן, ווי דורך אַ קאַטערינקע ריידן:
— אַמעלע, מיין ליכטיקער גאַנעידן,
זאָלסט מיט דעם העקדעש און בייסוילעם זיך ניט שיידן,
נאָר אין כאַזער־געסל איז שטאַרבן דיר באַשערט.

אַמע די צעדרייטע — איבער אַ פאַרשנייטן קייווער,
הערט פון טאַדרעסן — אַ יענער־וועלט געוויין:
— אַמעלע,
ניט לאָז אין קייווער מיך אַליין.

האָט אַמע פון זיין קייווער אַ האַיפּעלע ערד געבראַכט,
און יעדער טיר געשלאָגן — מיט דעם ערעוו־שאַבעס שטעקן:
— גוטע מענטשן,
אייער גזאַר אַריין זאָל אין מיר,
אין מיין יעדן צעווייטיקטן איוווער.
איר זאָלט פאַר ביקס, פאַר הונגער און פאַר שלאַכט זיך ניט שרעקן.
מיין טאַדרעס וועט אַלעמען בענטשן.
ער וועט אונדזער טאַטע זיין,
אונדזער בעטער!
אונדזער רעטער!

אַמע מיט געיאָמער ווי פון יענער־וועלט,
האָט איבער שטעטל זיך געטראָגן:
— פון מיכאַלישעק אַנטלויפן,
הייסט געהענעם זיך קויפן.
מיכאַלישעק איז הייליק.
וועמען ס׳איז באַשערט מיין טאַדרעסעס גליק,
דעם וועט דער טויט באַלוינען.
און די וואָס זיינען ליבן נאָמען ניט ווערט —
זאָלן צום לעבן, ווי צו אַ קרעץ זיך צוגעוואוינען.

היידאַ, אַהער? היידאַ, אַהין?

מיכאַלישעק פּרירט מיט האַרוגים:
אונטער איז פון דער ווילּיע,
באַם פוילנדיקן פּאַרקן פון בייסוילעם.
אַמע די צעדרייטע —
די מאַלקע פון הארוגים און פון טאַדרעסעס קייווער,
דורך צעשאַסענע פעלדער אַליין,
שאַרט זיך — אַן אויסגעקלערטער גוילעם
און רייסט נאָך יעדערן קריע
אויב אַפילע גאָט האָט אים צו זיין אַ גאַי פאַרשאַלטן,
און דריי מאַל הונדערט ריסן,
טרויערן אַף איר צעפליקטע קלייד.
אַמע די צעדרייטע איבער יעדנס אומגליק געבויגן,
קלאָגט —
אַף אויפעלעך וואָס די פרעסט האָבן אויפגעגעסן,
קלאָגט —
אַף מענטשן וואָס דער קריג וועט נאָך צעשיסן.

# געפונען דעם פיינט

## ברענענדיק שטעטל

דער פֿאַרנאַכט, מיט ערעוו־שלאַכטן, איז איצט שטיל.
די שטילקייט וואַכט — אין יעדן האַרץ און ביקס געלאָדן.
די פֿעלדער שטומען מיט פֿאַרבאָרגענע גוואַלדן,
און האַלטן אין יעדן זעמדעלע אַ סאָד באַהאַלטן.

באַם קאַנאָן שווערט יעדער פּיינט:
ס'וועט די נאַכט אין בלוט שווימען היינט.
עס שווערט דער רוס, ער וועט פֿון דייטשע קעפּ —
ביז די וואָלקנס בויען זיך טרעפּ.
עס שווערט דער דייטש, ניט בלייבן וועט קיין רוס —
צו ברענגען ווען פֿון דער שלאַכט אַ גרוס.

## געפונען דעם פיינט

די נאַכט מיט פגאָרים זאַט,
אַף איר פוילנדיקן טראָן זיצט.
די שאָ פון שלאַכט שוין שלאָגט —
ס'עפנט דער רוס דעם ערשטן האַרמאַט
און רעוועט צום פיינט:
בלוט! בלוט!
די ערד אַ וואָיענדיקע בליצט,
און דעם אַלטן מענטשן־אַש צעשיינט.
די ווייט מיט ניט־דערקוילעטע קוילעס קלאָגט.

די רוסן מיט אַלע פייערן זיינען דאָ,
נאָר ס'זיינען די דייטשן אין ערגעץ ניטאָ —
כוץ רויטע ריטשקעלעך גרויל,
פון צוויי צעריסענע וועכטער,
אַ געראָטענעם פרילינג פאַרזייען;
נאָר צוויי נעשאָמעס — דורך געפלאַצטע קוילן,
אין איימעדיקע עכאָס פאַרגייען.

דער גענעראַל מיט פערדישן געלעכטער
הירזשעט: האַ־כאַ־כאַ!
צי זיינען ווי שטשורעס ווי טרוסן,
די הינטישע דייטשן אַנטלאָפן?
הי־כי־כאָ,
כאָ־כאָ־כאָ,
צי האָט דער ערשטער שאָס געלייגט זיי שלאָפן?

און ס׳טראָגן די רוסן גאַלאָפּ זיך אַוועק,
און ס׳יאָגן די פערד דורך באַרמענען־לופט.
די פּאָדקאָוועס פּייקלען: קלאָפּ־קלאָפּ־קלאָפּ,
און הויבן די רייטער האָפּ־האָפּ־האָפּ.
באַם זייט די שאַבליעס, פאָראויס די שרעק.
דער גענעראַל, ווי אַ קראָ, צום טויט רופט.
די פוסגייער שפּאַנען,
צום טאַקט פון באַראַבאַנען.
זיי שפּאַנען שוין שאָען צי טעג אַזוי.
קיין פויגל־פּיפּטש, קיין האָן־געקריי.
די שטרויענע כאַטעס ווי פאַקלען ברענען.

באָם קינדישן פרימאָרגן,
מיט אַ קאָפּ פון אַש אַ זעלנער זיצט —
איבער אים,
אָפּגעגנאַרטע ביקסן שוועבן.

דער גענעראַל — די הינטישע מאָרדע קריצט:
— אַ גאָט גערעכטער, אַ גאָט אַלמעכטיקער,
באַפעל דעם היירעג לעבן! לעבן!
איך וואָלט אים מיט די ציין אַצינד דערוואָרגן.

אַלץ איז אין פאַכאַד פאַרזונקען.
אַמאָל,
שרעקט דער אייגענער טרובע־שאַל;
אַמאָל,
פון אַ סאָלדאַט דער מידער פאַל.

## ברענענדיק שטעטל

דער פיינט! דער פיינט! דער פיינט!
דער גענעראַל אין פּראָזשעקטאָר זעט:
זעלנער אין בעטלער פאַרשטעלט.
די טראַנטעס מיט אָוונט צעשיינט.
ווער עס טרינקט דעם שניי אין פעלד,
ווער מיט געבעט צום הימל,
ווער צו אַ זשידאַווסקי סייפער־טוירע רעדט —
און ווער קלוימערשט ווי אין דרימל.

און ס׳גיט דער גענעראַל אַ קאָמאַנדע:
— טויט דעם דייטש! טויט דעם פיינט!
עס טאָר פון דער פאַרשטעלטער באַנדע,
קיין גליד ניט בלייבן היינט.
און גיכער די פוסגייער שפּאַנען,
העכער הילכט דער פערד־גאַלאָפּ,
שטארקער פויקט דער זיג אין באַראַבאַנען!

## געפונען דעם פיינט

פלוצלונג האָט די קאַכעדיקע ערד
מיט גאַז, מיט טשאַד, מיט שרויט זיך צעקלונגען;
פלוצלונג האָט די קאַכעדיקע ערד,
דעם רוס — מיט פערד און ביקס פאַרשלונגען.

נאָר דער גענעראַל,
האָט נאָך דורך פאַלנדיקע מענטשן־ווענט
זיך געשלעפּט — אַ גויסעס, קעגן פיינט.
זיין גוף מיט בראַנד האָט געברענט
און דעם שנייאיקן פעלד מיט בלוט פאַררונען.

ווען צום „פיינט" האָט ער אַלע וואונדן דערשלעפּט,
האָט ער גאָר געפונען,
עלציקן און דווערקען זיך ליבן —
אין אַ קראַנץ פאַרוועבט;
האָט ער גאָר געפונען,
דאָס וואַנדערנדיקע כאַזער־געסל —
מיט קינדער און מאַמעס און זקיינים,
וואָס האָבן, ווי אַ לעבעדיקער בייסוילעם —
אין די אַקאַפּע־קוואַרים זיך דאָ פאַרקליבן.

דער גענעראַל באַם „העלדישן" שטאַרבן,
האָט נאָך מיט ציין אָף ביקס געצילט;
נאָר אַז ס'ווילן די פיס מער ניט הינקען,
איז ער צוריק געפאַלן,
מיט זיין באַזילבערטן מונדיר —
אין אייגן בלוט זיך טרינקען.

ער האָט צו די מעדאַלן טפילע געטאָן —
און איז פאַרגאַנגען אין פעלד,
אין אַ בעטנדיק כליפּן:
— ניקאָלאַי, באַטיושקאַ, פאַרגיב,
איך שטאַרב ווי אַ העלד.
מיין טויט איז אַ זיגעריש שאַלן,
פאַר דיין הייליקסטער פאָן.

זיינע קראַמפנדיקע ליפּן,
האָבן „באָזשע צאַריאַ כראַני" געשפּילט.
זיין פּין האָבן פאַרשריען ווילדע פייגל —
געפינצטערט האָט דאָס פעלד מיט שוואַרצן פליגל־געפּאָך,
און ס'האָט געדאַכט:
אין זיינע מעדאַלן,
טויטע זעלנער אָפּלאָדירן —
מיט אָפּגעריסענע הענט,
מיט אַרויסגעשאָסענע געהירן.

מיכאַלישעק מיט ליבע, מיט טראַנטעס און געוויין,
אין „ווייטער וועלט" איז אַרויס.
אויגן פאַרבענקטע — טראַגן דעם העקדעש:
פון שלאַכטפעלד צו שלאַכטפעלד.
אין בייזע כאַלוימעס רינט די ווילע אויס.

יעדעס שלאַכטפעלד,
איז אַ גרוי דערפעלע אַמאָל געווען.
דאָ האָט געברענט אַ האַרץ אַף יעדן שטיין.
דאָ האָט געברענט באַם רויב די קראָ —
און מיט ברענענדיקע פליגלען די פייערן צעבלאָזן.

## ב ר ע נ ע נ ד י ק  ש ט ע ט ל

איצט שווייגן די אָקאָפּעס מיט פאַרשטומטן געשריי,
פון זיגער און באַזיגטע פאַרלאָזן —
איצט וואוינט דאָ די וויסט, דער הונגער;
און באַדאַנע מיט פינף צעקנייטשטע קינדער.

בערקע — איינגעדעקט
אין פעל פון דער געפּייגערטער קו,
אַלע קינדער שרעקט.
די פעל מיט פלעקן ווי ווייס־געלע שטערן,
האַלט בערקען —
ווי אין אַ הימל פון אַ פאַרשאָלטענעם גייסט פאַרשלאָסן.

מענטקע הערט
אין בערקעס קאָל — די קו ריידן:
— בערקע־בערעלע־בער,
טו אויס מיין פעל,
לאָז מיין בעהיימעשן הימל — מיט דער ערד זיך שיידן.

יעיסקע קלערט,
ווי בערקען אין דער פעל איז גוט און וואַרעם.
בלומקע,
דער טויבער אַקאַפּע — הייזעריק צעליאַרעמט;
בלומקע,
מיט די פיס ווי מיט שפּענדלעך טאָפּעט —
זי האָט פאַר בערקען מוירע.

באַדאַנע טרייסט:
— אוי, קינדערלעך,
אַפילע פאַר דעם בוירע
דאַרף מען ניט האָבן מוירע,
איך האָב אים מיט די פיס אַליין צעטראָטן
און קיין גאַנעידן אין די הויכן איז ניטאָ;
אַ געהענעם אָף דער ערד איז דאָ,
צו קוילען אונדז און צו בראָטן.

בערקע קלאָגט —
אין שרעק פאַר זיך אַליין
און הערט,
ווי פון אַ ניטגוטן — זיין אייגענעם געוויין.

## ברענענדיק שטעטל

אַז די פעלדער פאַר שלאַכטן זײַנען צעגראָבן,
פרײַען זיך: דער טויט, די רויבער און די ראָבן —
איז ווי זאַט יעסינקע ווײַסן,
דעם רײַעך פון ציבעלעס און פון ברויט.
ער מײנט —
די ערד געבאָרן איז צו שיסן
און ווי אַ געהענעם מענטשן שלינגען.
ער מײנט —
אַז שײַן בליצט אויף די קויל אין אינגעווייד!
אַז שענער פון אַ פויגל,
קען דער ביקס מיט שרויט און פײַער זינגען.
אַזױפיל שײַנע ביקסן טאָרן דאָך ניט ראָסטן.
ניט אומזיסט,
האָט גאָט די פעלדער אַף קוואָרים צעמאָסטן.

געפונען דעם פיינט

יעיסקע זעט,
ווי ס׳פאָרן טעג אין סקעלעטנדיקע קאַרעטן;
ווי פון די וואָלקנס באָמבעס פליען
און פאַלן אַף דער ערד — דונערדיקע ראַקעטן.

ער שפירט,
ווי די ערד זיפט לעבעדיקן בלוט
און אים ווערט פיינלעך־גוט,
וואָס אַמאָל וועט ער אויך ציען
אַ שווערד פון שייד;
און אַזוי אין פוליעס אויסגעצירט —
זיך טראָגן אַף אַ פליענדיקן פערד.

עלציק פאַרטרויט — בלאָנדזשענדיקע סלוכן:
אַז אַף ליטע גייען מענטשן,
קעגן הונגער, קריג און קעגן רייכן.
זיי גייען די זון דורך נאַכט זוכן,
דעם מאָרגן אין דעם נעכטן פאַרזייען,
דעם הימל ביז דער ערד אויסגלייכן.
זיי גייען מיט לענין, מיט לידער — מיט פייער,
קעגן קייסער און גאָט זיך שטעלן.
זיי קומען אַלע נויטן פאַרברענען,
אַלע פינצטערנישן צעהעלן.

און זיין וועט —
אַ וועלט מיט ברויט, מיט בלומען און געלעכטער.
איבער פאַרפייניקטע דוירעס,
וועט די קאַסע יעדעס פעלד —
מיט פאַלנדיקע זאַנגען אויסבעטן;
און ס'וועלן טעג — ליכטיקע וועכטער,
מיט הענט פון טוי און ליכט איעדן גלעטן.

און עלציק שוין נייע מאַיסעלעך דערציילט —
ווי אין דער זון איז די נאַכט אַריין,
יעדן שטראַל — אין ווייַן צעגאָסן,
און פון דער זון געלאָזן — אַ בלוטיק טראָפּנדל שיין.

נאָר פאַרטאָג,
ווען ס'האָט די קראַנקע זון זיך אויסגעהיילט,
האָט זי מיט אַלע שטראַלן — אין מייסים־קרוין געשאָסן,
איז די נאַכט געפאַלן,
און ס'איז די זון, אין פייער אָנגעטאָן,
דורך יעדן פינצטער שפּעלטעלע געגאַנגען,
ביז אַף גאָר דער וועלט —
איז איר ליבע און איר פּורפּור אויפגעגאַנגען.

און עלציק שוין נייע מאַיסעלעך דערציילט:
ווי קייסאָרים הוליען —
איבער לעבעדיק־פאַרשאָטענע זין,
און לאָזן פאַר מאַמעס — נאָר די פאַרשטיקטע גוואַלדן.

צו די קייסאָרים, פלינקע קנעכט איילן,
מיט טאַצן — באַדימענטע שאַרבנס.
קיינער ציילט ניט וויפל מיילן,
אין אַ טאָג זיי שפּרינגען;
וויפל געבעט פון שטאַרבנדיקע זעלנער,
אין דעם מילדן גאָלד קלינגען.

איין קנעכט זעט —
וואונדן טריפן — אין יעדן קאָס מיט וויין.
אַ צווייטער הערט,
אַ פאַלן פון ברענענדיקע שטעט;
און אַ דריטער זעט —
אין די שיקערע שפּיגלען,
פליען נעשאָמעס פון האַרוגים אַריין
אַף פאַרבלוטיקטע קראָען־פליגלען,
און ווי פון קוואָרים ברומען:
העי קנעכט,
יעדן שווערד מיט אַ קייסערס קאָפּ ציר אויס;
העי קנעכט,
פון אונטערן רוט — צו דער זון אַרויס.

געפונען דעם פּיינט

מיכאַלישעק איז פון מענטש און וועלט פאַרלאָזן.
די קומסע איז פאַרזייט,
מיט שטיקער פּענימער פון „העלדן".
די לופט ווייעט,
מיט אַ ווערגן פון שטאַרבנדיקע מיילער,
וואָס וואַרעמען מיט לעצטע אָטעמס — דער פּראָסטיקער ערד
און ד־האַלטן אין די צייך, ווי אַ קלאָלע, זייער מענטשן־מין.

דורך דעם פּראָסטיקן אָוונט, די טויטע זעלנער שיינען.
דאָס פעלד טונקלט מיט מייסים־אַש אין לעשנדיקן ליכט.
דער אָוונט ווייזט, אין וויפל פאַרבן
ס'וועלן פון דעם אַש זיך מיניען געררויבטע ווינען;
און ס'ווייזט דער ווינט,
ווי דאָ וועלן רוישן — הויכע, טרויעריקע גראָזן,
ווען יעדע מאַמע וועט אין כאַלעם נעמען —
איר זונס פאַרשוואונדן געזיכט.

## ב ר ע נ ע נ ד י ק   ש ט ע ט ל

באַנאַכט· אין פֿאָדוועראַנצער וואַלד —
ווען די מידע אויגן האָט אַמע אַ ווייל פֿאַרשלאָסן,
האָט זי געשפּירט
ווי געשמאַק עס שלאָפֿן — אונטערן שניי
די שוועמלעך, די יאַגדעס און די גראָזן,
און איבער זיי
די האָרוגים — מיט לעוואָנע באַגאָסן.
זי האָט אַ האַנט דורך די פּראָסטיקע קאַלטנס געפֿירט,
און מיט דער אייביקייט זי דאָרט אַזוי געלאָזן.

אין די לעצטע רעגעס האָט זי געזען,
ווי אירע מיצוועס האַלט — דער גוטער מאַלעך,
וואָס דורך באַדאַנעס קו האָט טאָדרעס איר געשיקט;
האָט זי געזען ווי דער גוטער מאַלעך,
מיט לעוואָנע־זיף — אירע קאָלטנס צוואָגט,
ווי ער גיט די וועלט אַ דריי —
און אַלע רעשאָאים ווערן דערשטיקט.

אין די לעצטע רעגעס האָט זי געזען,
ווי טאַדרעס פירט זי ערגעצוואו
און זאָגט:
— אַמעלע זעסט,
אין הימל באַדאַנעס קו —
עסט טשאָלנט אָנשטאָט היי.
אַמעלע,
נעבן דעם שאָר־האַבאָר וואָס דיר געפעלט;
אַמעלע,
איין זיסער קוגל — איז די גאַנצע וועלט.

אין די לעצטע רעגעס האָט זי געהערט,
איר טאָדרעסן — פון יענער־וועלט זי וועקן:
— אַמעלע, אין גאַנעידן,
איז דער טויט — אַ שוואַרצער שטעקן,
מיט צוויי זילבערנע עקן,
און ביידע געהערן אונדז ביידן.
אַמעלע,
שוין צייט, שוין צייט צו שטאַרבן —
נאָך אַלע מייסים האָסטו קריע שוין געריסן,
מיט אַלע לעבעדיקע ווידע שוין געזאָגט.
אַמעלע,
מיין נאַכעס, מיין גאָלד,
אויך אָף יענער־וועלט האָב איך דיך דהאָלט.

און ס'האָט אַזוי דער קריג —
ביין און נערוון געברענט,
און ס'האָט דער מענטשן־אַש געהייסן:
זיג!

# הירשע־לייב טאַרשיש

## ברענענדיק שטעטל

און דו ביסט רייך מיין שטעטעלע סווינציאַן —
רייך איז מיט פייער דיין בראַנדיקע ערד,
רייך
איז מיט פינצטערניש דיין הימל פון פיין.

איך האָב געזען דיין האַרץ אַף יעדן שפיז.
האַלבע נאַכט אין סרייפעס האָב איך געמיינט:
ס׳איז
אין געהענעם אַ זונפאַרגאַנג געווען.

איז ביסטו רייך מיין שטעטעלע סווינציאַן,
אָ, רייך מיט בלוט ווי דיין פאַרנאַכט מיט גאָלד.
רייך —
מיין טראַנטעדיקע שטעטעלע סווינציאַן.

וויפל טהוימען איז אין דיין שרעק פאַראַן?
וויפל צווייפל — אין לעשנדיקן שיין?

און אַז דו ביסט גרויס מיין שטעטעלע סווינציאַן —
ווייזן צווייִ בעיסמעדרעשן און דריי בעדער,
ווייזן —
צען געסלעך און אַזויפיל הינטערהויפן.

אַז דו ביסט גרויס רימען זיך באַלעגאַלעס,
מיט אַ געפּאַך פון סוויסטשענדיקע בייטשן:
דיינע
דעכער מיט קאַטשערעס ניט צו דערלאַנגען.

נאָר וועלכע גרויס קען גאָר מעסטן דיין עלנט,
באַנאַכט אין כאַלעל פון זעלבסטמאָרד בוידעמער —
ווען שיוו
פאַר פּאַכאַד אינגלעך און מיידלעך זיך הענגען.

אָ, ערד — וואו קען דיר נאָך אומעטיקער זיין,
ווי בא אַ פּאַרקן — פאַר די זעלבסטמאָרד קוואָרים?

# ב ר ע נ ע נ ד י ק  ש ט ע ט ל

גרויס ביסטו גרויס — אָהאָ, שטעטעלע מײַנס סווינציאַן —
מיט די כורוועס שיידים און דעם העקדעש בעטלער,
ביסטו באַלד,
אַ גאַנץ פּינטעלע אַף דער מאַפּע אַזש פֿאַראַן.

ווער נאָך ווי דער מעטורעף — הירשע־לייב טאַרשיש
דער אונטער־שאַמעש פֿון דעם כסידישן מיניען,
באַווײַנט דאָ,
יעדן קרעכץ פֿון דײַנע צעפֿאַלנדיקע ווענט.

ער פֿאַרשילט די הענט וואָס האָבן דיך געצונדן.
פֿאַרמאַטערט איז ער פֿון יאָגן די וואָראָנעס,
וואָס שוואַרצן
די סקאָרינקעס זון אַף דײַנע דעם העקדעש שויבן.

ווען סרייפעס טראָגן אום, דורך נאַכט, זונפֿאַרגאַנגען,
בויגט ער זיך קושן דעם אַש אַף דײַנע וואונדן.

באַ די הייליקסטע טפילעס אין כסידישן מיניען,
קלערט הירשע־לייב, וויפל רויכן עס ווען פעלן
ערעוו־שאַבעס,
אין צעקרימטן קוימען פון דער קאַלטער שולהויף־באָד.

וויפל מייסים אין פּינקעס זיינען שוין פאַרשריבן,
וויפל מאַזאָלויס מוזן פאַלן: אום, וויפל — גראָד;
וויפל טרערן,
אין אויגן פון אַוואָלים זיינען נאָך פאַרבליבן.

געבויגן איז ער פון טרויערן יעדן פאַרנאַכט,
וואָס ער קען שוין מיט דער זון ווידע מער ניט זאָגן —
ווייל אַפילע,
אין די שטילסטע אַפּריל־בלעטעלעך בליט די אומרו —

ווייל אַפילע אין דעם רוישן פון יוריטשקעס וואַלד,
סוידן זיך די קוילעס פון קומענדיקע גוואַלדן.

פאַרנאַכט. מיט דעם פאַכאַד פון כאָרעוון אָרן־קוידעש
זיצט ער, אַ קראַנקער שטיק אָוונט, באַם פלומפ קעגן קלויסטער
און גאַפט ווי ליכטיק
איז סווינציאַן. די זון פון גאַנצן מאַרק ניט צו פאַריאָגן.

ווי שיין איז סווינציאַן: באַנאַכט ווערט יעדער שטיין אַ שטערן,
פון ברונעם דאָס שיינענדיק וואַסער ניט אויסצושעפן,
נאָר ווען ער הערט פון
אַלטן בעיסמעדרעש ניט קיין הייליק מאַלאָכים־געזאַנג —

נאָר אַ טאָפּען פון פערד פאַרוואונדעטע, וואָס פאַרהילכן
דעם געשענדטן בעיסמעדרעש מיט אַ הירזשענדיק געבעט,
ווי זיי וואַלטן צום
ניט־געשטייגן גאָט זייער פערדיש מאַזל אויסקלאָגן —

דערמאָנט זיך הירשע־לייב אַז סווינציאַן איז דער געהענעם,
אַז טיפער פון דעם פאַרנאַכט, איז דאָ דער ברונעם פון בלוט.

ווי מיד איז ער הירשע־לייב טאַרשיש, דער אונטער־שאַמעש פון
כסידישן מיניען — דער קעניג פון פאַרלייזיקטן העקדעש;
מיד פון זיינע פערציק
אַלטע פרילינגס, מיד פון שלעפן גאָט אין די פרומע טראַנטעס.

דער אָוונט וויקלט פייער־קנוילן אין זיינע מאַכשאָוועס.
אין מאַירעוו די זון רייסט זיך ווידער צום קעניגרייך פון ליכט —
און רעגע נאָך רעגע,
זינקט גיך דער טאָג, ווי אין אַ הימלשן קייווער פאַרגראָבן.

דער היצל אַף זאַבלאָטנער גאַס פאַרשטומט דעם געוואַי פון הינט.
הירשע־לייב טאַרשיש מיינט אַז מיט דעם אָוונט שטאַרבט אויך די וועלט.
נאָר ער און טויט — אַליין,
און מוירע האָט אויך גאָט אַצינד אין זינדיקן גאַנעידן.

ער וויים: זיין נעשאָמע בעט זיך פון פאַרשאָלטן לייב אַרויס,
ווי אַ געפייניקטע בלום, אונטער גרויזאַמקייט פון אַ שטיין.

הירשע־לייב טאַרשיש הערט, ווי פון פאַרנאַכט אַן אַלטע שטילקייט שאַלט
דורך דעם שויפער פון ווינט. ער זעט צעשאָסענע מאַכנעס טראָגן
דעם באַרמענען פון דער זון,
דורך אויוונס פון געהענעם — אין אויג־מעלעך־דהאַבאָשנס אָרן.

מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט ער — געוועזענע מענטשן שלאָגן,
פון וואונדן און פון פינצטערניש אַזאַ ענדלאָזע טהאָרע־ברעט
און וואַשן דער טויטער זון
מיט טינט פון דער נאַכט און מיט דעם בלוט פון די אייגענע לייבער.

ער זעט די געסעלעך ווערן פון איימע אַזש איינגעשרומפן
און ער צעוויינט זיך אין אַן עלנטן, אומקומדיקן געבעט,
קעגן די ערשטע שטערן —
הירשע־לייב טאַרשיש דער אונטער־שאַמעש פון כסידישן מיניען.

אַרום הוליעט אַ ווינטיקער גאָרנישטניט אין פאַרלאָזטן מאַרק.
הירשע־לייב היט דעם הימל, גאָט זאָל פון דער וועלט ניט אַנטלויפן.

פאַרשאַלטענער אַפּריל, ניט טרעט אַריבער דאָ די וויסטע שוועלן.
קעגן דיינע העלסטע ליכטער, וועט גאָר די פינצטערניש זיך שטעלן.
דער געביל פון פוסטע יאַטקעס,
וועט פאַרטויבן דעם פינקלענדיקן פלאַפּל פון דיינע טייכעלעך.

ווי וועסטו דיין ווינטיק געלעכטער — מיט כאָרכל פון קינדער פאָרן ?
ווי וועסטו מילד און קיל האָדעווען בייזע דערנער אָנשטאָט קאָרן.
אין דעם שפּינוועב פון בוידעמער,
וועסטו וויאַנען מיט דעם בלוט פון געשענדטע צוועלף-יעריקע מיידלעך.

פאַרשאָלטענער אַפּריל, ניט טרעט אַריבער דאָ די וויסטע שוועלן.
דיך וועט באַפאַלן דער קייטן-קלאַנג פון די געפאַנגענע רוסן,
וואָס מיט די סקעלעטן-אויגן —
זוכן זיי דיינס אָ שטראַל, דורך דער טוכלער בלינדקייט פון טפיסע-קעלערס.

דיין הימל, וועט אַף די באַקן פון אַנעמישע מיידלעך בלויען.
די שאָטנס וועלן דער זון פאַריאָגן, דיין נאַכט וועט קיינמאָל טאָגן.

די יונגפרוילעכע נאַכט פון אַפּריל שטערנט אויס דעם טויט איבער שטעטל.
הירשע־לייב טאַרשיש שלייכט — אַ שאָטנדיק געבעט בײַ דעם היצלס בודע.
ער גלעט די טפילעדיקע עקן,
פון די צעשמיסענע הינט וואָס דער היצל קלייבט זיך שינדן באַגינען.

מיט אַ האַנט ווי פון אַ מעס, דיריגירט ער אין אַ כאָר די זעכצן הינט.
ער פרעגט יעדן הונט, וואו איז דער געהענעם און דער הייסטער
קאַפּהאַקאַל —
און פון דעם היצלס טויטנבודע,
ענטפערן די הינט מיט אַ געוואָי אַן אײמעדיקן: אַהין, אַ—ה—י—ן.

ער פרעגט הירשע־לייב, צי זיינען הויכן נאָך פאַראַן נאָך דעם העכסטן הויך.
ער פרעגט די הירשע־לייב, צי זיינען גרונטן נאָך פאַראַן נאָך דעם טיפסטן
גרונט —
און ס׳ענטפערן די הינט אין בודע
מיט הייזעריקע יאָמערס, מיט אַ רייסן זיך פון היצלס האַק — צו ליכט.

מאַט פון בילן, גיסן זיך די הינט צונויף מיט שטילקייט, מיט שטערן־פּין.
הירשע־לייב טאַרשיש ציילט און ציילט פון זייער לעצטן שלאָף די קאַשמאַרן.

אײביק־פֿאַרליבטער אַפּריל. קינדער בלאָזן דורך שטרוי — רעגנבױגנס
פֿון זײף.
בלאָסע, דינינקע מײדלעך װערן רײף מיט פֿײנלעכן איבערגאַנג צו פֿרױ.
שאַטנס פֿון גראָזן זײנען קינדיש־קיל.
לעבן באַדאַנעס הױז, דער בױם מיט שעמעװדיקע ראַבינעס פֿלאַמט
רױט און רױ.

על'ציק און דװעירקע טוליען זיך אין סאַד פֿון „גאַסטיניצע־איטאַליע".
זײ טרעטן לײכט װי גאַנאָװים. זײער אומרו רױשט דורך די עפּל־בײמער.
זײ הערן אינם בלוט האַרפֿן שפּילן.
דװעירקע האָט די פֿרישע האָר פֿון קוקלע ביז די שײנע לענדן אױסגעטאָן.

זײ היטן די בלעטעלעך באַם געבאָרן װערן. דער עפּל־בױם פֿאַרשטײט
װאָס על'ציק און דװעירקע קלערן און באַהאַלט זײ מיט די צעצװײטע צװײגן.
זײ זײנען אַלײן — אַזױפֿיל פֿרילינג,
און װי דורך די װאָרצלען פֿונם בױם, זינגט דער אַפּריל דורך זײערע כושים.

נאַכט — סאַד פֿון באַשאַף. אין על'ציקס אָרעמס האָט דװעירקע
זיך אַלײן געפֿאַנגען.
מאָרגנדיקע דורעס בליצן פֿון אירע לױכטנדיקע אױגן אַרױס.